מבאר: "קחשיב אלו הג' אברהם משה דוד, הוא, כי אלו הג' הם הג' כתרים, כתר כהונה, כתר תורה, כתר מלכות. כהונה אברהם איש החסד, והכהונה ניתנה לאברהם, כמ"ש[8] אתה כהן לעולם. תורה משה, כי התורה ניתנה ע"י משה, ונקראת תורת משה[9]. מלכות דוד, כי המלוכה ניתנה לדוד לעולם"

און דערנאך איז ער ממשיך: "משא"כ בנח לא הי' כ"ז, רק כתר שם טוב, שבדורותיו הי' לו שם טוב [וואס דאס איז מתאים דערמיט וואס רש"י[10] זאגט "הואיל והזכירו ספר בשבחו, שנאמר[11] זכר צדיק לברכה"], שהוא למטה מכל אלו הג' (כי מהלשון[12] וכתר שם טוב עולה על גביהן, משמע שהוא למטה מהג' כתרים, אלא שעולה על גביהן)". וואס דאס איז לויטן ערשטן פירוש אז "בדרין אחרנין אינו נחשב לכלום".

און לויטן צווייטן פירוש אז "ק"ו אילו הי' בדרא דכולהו צדיקים", איז דער ביאור - "כי הרי כתר שם טוב עם שבעצם הוא למטה מהג' כתרים אך עולה על גביהן", ד.ה. אז כתר שם טוב איז העכער פון די ג' כתרים.

ו. עס איז אבער דא אן ענין אויף וועלכן ער שטעלט זיך ניט אין די הערות:

אויף דעם וואס עס שטייט אין זהר אז ווען נח וואלט געווען "בדרין אחרנין", "דרא דאברהם וכו'", איז "אינו נחשב לכלום" - איז ידוע די שטורעמדיקע קושיא[13]: ווי קען מען זאגן אז ווען ער וואלט געווען אין "דרא דאברהם" איז "אינו נחשב לכלום", נח איז דאך געווען אין דורו של אברהם, און מ'זאגט אויף אים "תמים הי' בדורותיו"?!

וכידוע דער סימן און צחות פון ראב"ע[14] אז "הסימן הוא ואברהם אבינו בן נ"ח כאשר מת נח" - קומט דאך אויס אז במשך פון נ"ח שנה איז נח געווען בדורו של אברהם.

די קושיא ווערט נאך גרעסער לויט דעם וואס די גמרא[15] זאגט אז "בן ג' שנים הכיר אברהם את בוראו, שנאמר[16] עקב אשר שמע אברהם בקולי, חושבני' מאה ושבעין ותרין", "כמנין עק"ב שנים שמע אברהם בקולי, וכל שנותיו היו קע"ה, אלמא בן שלש שנים הכיר את בוראו"[17] - וואס עפ"ז קומט אויס אז נאך דערויף וואס אברהם אבינו איז שוין צוגעקומען צו דער דרגא פון "הכיר את בוראו", האט נאך נח געלעבט כו"כ שנים.

- און -

8) תהלים קי, ד. 9) מלאכי ג, כב. 10) ריש פרשתנו 11) משלי י, ז. 12) אבות פ"ד מי"ג. 13) ראה נצוצי זהר כאן. 14) ריש פרשתנו. וראה סדה"ד ב"א ו'. 15) נדרים לב, סע"א. 16) תולדות כו, ה. 17) פרש"י שם ד"ה מאה.

און אפילו לויטן מדרש[18] אז "בן ארבעים ושמונה שנה הכיר אברהם את בוראו" (און ניט "בן ג׳ שנים"), זיינען נאך אלץ דא צען יאר וואס נח האט געלעבט נאך דערויף וואס אברהם איז צוגעקומען צו דער דרגא פון "הכיר את בוראו".

ועאכו"כ לויט גירסת הרמב"ם[19] אז "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו", וואס דעמולט קומט אויס אז נאך דערויף וואס "הכיר אברהם את בוראו" האט נח געלעבט 18 יאר.

איז ניט פארשטאנדיק: ווי זאגט מען אז נח איז ניט געווען בדורו של אברהם, און ווען ער וואלט געווען בדורו של אברהם, איז "אינו נחשב לכלום"?!

ז. אלס מאמר המוסגר:

אויף דעם וואס דער רמב"ם זאגט אז "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו" - איז ידוע די שאלה: וואו איז דער מקור פון דברי הרמב"ם - אין גמרא שטייט אז "בן ג׳ שנים הכיר את אברהם את בוראו", און אין מדרש שטייט אז "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו", איז וואו איז דער מקור פון דברי הרמב"ם אז "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו"?

[עס זיינען דא דפוסים פון רמב"ם[20] אין וועלכע עס שטייט "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו", דאס זיינען אבער מערניט ווי געציילטע דפוסים, אין וועלכע דער בחור-הזעצער האט געערכנט אז דאס איז א טעות הדפוס - אבער אין כת"י[21] הרמב"ם שטייט טאקע "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו", וואס דערפאר איז דאס די גירסא הנכונה].

זאגן אויף דערויף מפרשי הרמב"ם[22] אז דער רמב"ם "הי׳ גורס כו׳ בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו, ולא בן מ"ח כמו שהוא בספרים", און דאס איז דער מקור פון דברי הרמב"ם אז "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו".

עס איז אבער נאך אלץ ניט פארשטאנדיק:

א) דער רמב"ם האט דאך זיכער געוואוסט דאס וואס די גמרא זאגט אז "בן ג׳ שנים הכיר אברהם את בוראו", איז פאר-וואס ברענגט ער דעם מדרש אז "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו", און ניט דאס וואס די גמרא זאגט אז "בן ג׳ שנים הכיר אברהם את בוראו"?

- ב) אין -

---

18) ב"ר פ"ל, ח. פס"ד, ד. ועוד. 19) הל׳ ע"ז פ"א ה"ג.
20) דפוס ר׳ שמה בן שאלתיאל (ספרד-פורטוגאל) רנ"ב-רנ"ז. וראה גם בהגמ"י כאן. 21) וראה גם דפוס קושטא רס"ט.
22) כס"מ כאן.

ב) אין מדרש גופא – אפילו אויב מ׳וועט זאגן אז אין אלע כת"י פון ב"ר וואס זיינען געווען פאר'ן רמב"ם איז די גירסא געווען "בן ארבעים שנה", ברענגט זיך עס אבער אויך אין פס"ר[23] ובכ"מ און קרוב לומר אז דער רמב"ם האט געזעהן די מדרשים, ווי מ׳געפינט בכ"מ אז ער ברענגט ענינים וואס זייער יסוד איז אין מדרש תנחומא, אין פסיקתא וכיו"ב, און דארטן איז דא נאר די גירסא פון "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו",

איז פארוואס האט דער רמב"ם אנגענומען די גירסא פון "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו", און ניט די גירסא פון "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו"?

ובפרט לויט ווי דער צ"צ איז מבאר אין אוה"ת פ׳ כי תצא[24] אז דאס וואס "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו" איז פארבונדן מיט די "מ"ח בחי׳ (הנ"ל) שהתורה נקנית בהם[25], וקרשי המשכן (וואס זיינען געווען מ"ח קרשים) . . ושמתי כדכד[26] ב"פ כ"ד זהו מ"ח, והיינו כ"ד ספרים דאורייתא של תושב"כ . . והם מתגלים ע"י תושבע"פ זהו בחי׳ כ"ד הב׳" –

און אעפ"כ האט דער רמב"ם אויסגעקליבן די גירסא "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו", און ניט "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו".

ג) בכללות הענין – למאי נפק"מ אין די הלכות פון ספר המדע צו וויפל יאר "הכיר אברהם את בוראו"?

ובדוגמא ווי דער רמב"ם[27] זאגט ניט וויפל יאר איז אברהם געווען ווען "התחיל לשוטט בדעתו והוא קטן", דערפאר וואס דאס איז קיין נפק"מ ניט אין הלכה (ס׳איז גענוג אז מ׳ווייסט אז דאס איז געווען זייענדיק א "קטן", וואס דערפון איז די הוראה פאר יעדער אידן אז זייענדיק א "קטן" קען שוין ביי אים זיין דער "התחיל לשוטט בדעתו") – איז עד"ז לכאורה ניט נוגע צו וויסן צו וויפל יאר "הכיר אברהם את בוראו".

ח. והביאור בזה:

דאס וואס דער רמב"ם זאגט אז "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו", איז קיין סתירה ניט דערמיט וואס די גמרא זאגט אז "בן ג׳ שנים הכיר אברהם את בוראו", ווארום "בן שלש שנים הי׳ כשהתחיל לחשוב ולשוטט במחשבתו להכיר בוראו",

- ווי -

----

23) פכ"א פיסקא יב. 24) ע׳ תתקלח. 25) אבות פ"ו מ"ו. 26) ישעי׳ נד, יב. 27) שם ריש ה"ג.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ווי דער רמב"ם[27] זאגט "כיון שנגמל איתן זה [ו]ואס אברהם אבינו ווערט אנגערופן "איתן האזרחי"[28], ווי די גמרא זאגט אין ב"ב[29] התחיל לשוטט בדעתו וכו׳", "אבל כשהי׳ בן ארבעים השלים להכירו"[30].

און ווי דער צ"צ זאגט בנוגע צו דעם וואס עס שטייט אין מדרש אז "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו", אז זייענדיק בן ג׳ שנים "התחיל להכיר, ועיקר ההכרה נגמר בהיותו בן מ"ח".

און דאס וואס דער רמב"ם ברענגט אראפ דעם מספר השנים - איז עס דערפאר וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק פארוואס איז דוקא דעמולט געווען דער "הכיר את בוראו" (און ניט לפנ"ז):

דער אויפטו פון "בן ארבעים שנה" איז - ווי די משנה[31] זאגט "בן ארבעים לבינה", וואס לויט ווי עס איז משמע פון דער משנה, איז עס ניט קיין עניין וואס איז פארבונדן מיט מ"ת (וואס דעמולט איז געווארן א שינוי אין עולם), נאר אזוי איז איינגעשטעלט אין טבע הבריאה, און אזוי איז דער טבע הגוף (ווי די נשמה געפינט זיך אין דעם גוף) - אז "בן ארבעים לבינה", פונקט אזוי ווי "בן עשרים לרדוף", און "בן תשעים לשוח".

ועפ"ז איז פארשטאנדיק פארוואס קלייבט אוים דער רמב"ם די גירסא "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו", און ניט די גירסא "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו" - וויבאלד אז דעמולט איז עס מתאים דערמיט וואס די משנה זאגט "בן ארבעים לבינה".

ואדרבה - זזען ער וואלט געבראכט די גירסא "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו", וואלט מען אויף דערויף געפרעגט א שאלה דערפון וואס די משנה זאגט "בן ארבעים לבינה":

די משנה זאגט אז ווען מ׳הויבט אן מיטן סדר פון "בן חמש שנים למקרא, בן עשר שנים למשנה וכו׳", קומט מען צו דערנאך צו "בן ארבעים לבינה" - איז ווי קומט דאס אז אברהם אבינו, וואס זייענדיק בן שלש שנים איז "התחיל לחשוב ולשוטט במחשבתו להכיר בוראו" (און ניט "בן חמש שנים למקרא"), איז ער צוגעקומען צו בינה ("הכיר את בוראו") ניט ווען ער איז געווארן "בן ארבעים שנה", נאר "בן מ"ח שנה", אכט יאר שפעטער?!

עס רעדט זיך טאקע וועגן דורו של אברהם, ווי דער רמב"ם[32] איז מבאר אז אברהם איז געווען אן איין און

- איינציקער -

----

28) תהלים פט, א. 29) טו, א. 30) כס"מ כאן.
31) אבות ספ"ה. 32) שם.

הנחה הת׳ בלתי מוגה

איינציקער ברורו, און אלע וואס זיינען געווען ארום אים זיינען געווען אנדערש, אבער אעפ"כ, ווי באלד אז זינט ער איז געווארן דריי יאר אלט [צוויי יאר איידער ער איז געווארן בן חמש שנים, וואס דעמולט האט ער שוין אויך א קצת הבנה אין פשש"מ עכ"פ] האט ער שוין אנגעהויבן טאן און קאכן זיך אין דעם ענין, איז ווי קומט דאס אז זייענדיק "בן ארבעים" איז ער נאך אלץ ניט צוגעקומען צו דעם ענין פון בינה ("הכיר את בוראו")?!

און אויף צו באווארענען די קושיא - נעמט אן דער רמב"ם די גירסא "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו", וואס דעמולט איז עס מתאים דערמיט וואס די משנה זאגט "בן ארבעים לבינה".

ט. און דאס וואס עס שטייט אין מדרש אז "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו", איז קיין סתירה ניט צו דברי הרמב"ם אז "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו". והביאור בזה:

אין ידיעת הבורא זיינען דא א ריבוי דרגות, און ס'איז ניט שייך צו זאגן אז ער איז צוגעקומען צו תכלית השלימות אין ידיעת הבורא, וואס העכער דערפון קען ער שוין ניט דערגרייכן.

און ווי דער רמב"ם פסק'נט אפ בסיום וחותם ספרו, אז אמיתית הענין פון ידיעת הבורא וועט ערשט זיין לע"ל, וואס דעמולט וועט זיין דער "מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים"[33], און "ישיגו דעת בוראם" - און דאס אלץ איז מערניט ווי "כפי כח האדם".

ועפ"ז איז פארשטאנדיק, אז ע"ד ווי דער צ"צ זאגט (בנוגע צו די צוויי דעות אז "בן ג' שנים הכיר אברהם את בוראו", און "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו") אז זייענדיק בן שלש שנים "התחיל להכיר", און "עיקר ההכרה נגמר בהיותו בן מ"ח", קען מען זאגן עד"ז בנוגע צו עיקר און שלימות ההכרה גופא, אז "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו", און צו מ"ח שנה איז ער צוגעקומען צו א העכערע שלימות אין דער הכרה.

אבער אעפ"כ ברענגט ניט דער רמב"ם דאס וואס "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו" (א העכערע דרגא אין הכרת הבורא) - ווארום אויב מ'רעדט וועגן א דרגא נעלית יותר אין הכרת הבורא, איז א זיכערע זאך אז אברהם אבינו האט זיך ניט אפגעשטעלט אין דערגרייכן דרגות נעלות יותר אין הכרת הבורא,

- און -

---

33) ישעי' יא, ט.

און ער איז שטענדיק געגאנגען העכער און העכער, ביז ווען ער איז צוגעקומען צו שלימות ימי חייו, ווען ער איז געווען בן מאה ושבעים וחמש שנה.

ווארום מ׳זאגט דאך אז "תלמידי חכמים אין להם מנוחה כו׳ שנאמר[34] ילכו מחיל אל חיל"[35], ועאכו"כ ווען מ׳רעדט וועגן אברהם אבינו, וואס ביי אים שטייט בהדגשה דער ענין פון "הלוך ~~ונסוע~~"[36], לשון הוה,

[עס איז טאקע געווען "הנגבה", אין זיין מדה און אין זיינע ענינים[37], אבער אין דערויף גופא איז עס געווען אין אן אופן פון "הלוך ונסוע"],

און ס׳איז מבואר אין רש"י בכ"מ[38] (ועד"ז אין נאך מפרשי התנ"ך) אז לשון הוה באווייזט אויף תמידיות, ד.ה. אז אברהם אבינו איז שטענדיק געגאנגען העכער און העכער בעבודתו.

און דערפאר ברענגט ניט דער רמב"ם דאס וואס "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו", ווארום דער "הכיר את בוראו" איז שוין זייענדיק "בן ארבעים שנה", און "בן מ"ח שנה" איז ער נאר צוגעקומען צו א דרגא נעלית יותר אין "הכיר את בוראו" - און דאס דארף דער רמב"ם ניט דערמאנען, ווארום אברהם אבינו איז <u>שטענדיק</u> (ניט נאר "בן <u>מ"ח</u> שנה") צוגעקומען צו העכערע דרגות אין הכרת הבורא.

י. ע"פ האמור לעיל איז פארשטאנדיק, אז ס׳איז קיין סתירה ניט צווישן אלע דעות וואס מ׳געפינט בנוגע צו אברהם אבינו - "בן ג׳ שנים הכיר אברהם את בוראו", "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו", און "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו" - וויבאלד אז אין יעדן רעדט זיך וועגן אן אנדער פרט:

דאס וואס מ׳זאגט אז "בן ג׳ שנים הכיר אברהם את בוראו", רעדט זיך וועגן <u>התחלת</u> ההכרה, ווען "התחיל לשוטט בדעתו" -

וואס דאס גופא איז שוין געווען א שינוי עיקרי לגבי די גאנצע וועלט וואס איז געווען ארום אים, ווארום פון דור אנוש אן איז "הוחל לקרוא בשם ה׳"[39], "לשון חולין, לקרוא את שמות האדם ואת שמות העצבים בשמו של הקב"ה לעשותן אלילים ולקרותן אלקות"[40], ווי דער רמב"ם[41] איז מבאר בארוכה ווי איז

- געווען -

----

34) תהלים פד, ח. 35) ברכות בסופה. 36) לך לך יב, ט.
37) ראה תו"א יתרו סו, סע"ד. לקו"ת בהעלותך כט, ג. שה"ש לד, ג. 38) עה"פ איוב א, ה. ובכ"מ. 39) בראשית ד, כו.
40) פרש"י עה"פ. 41) ריש הל׳ ע"ז.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

געוועז דער מעמד ומצב פון דער גאנצער וועלט עד שנולד אברהם אבינו, און "כיון שנגמל איתן זה התחיל לשוטט בדעתו וכו׳".

און דאס וואס מ׳זאגט אז "בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו", רעדט זיך וועגן עיקר און שלימות ההכרה אין הכרת הבורא, וואס איז פארבונדן מיט דעם ענין פון "בן ארבעים לבינה".

און בשעת מ׳רעדט וועגן א העכערע דרגא אין "הכיר את בוראו" - די דרגא וועגן וועלכע עס רעדט דער צ"צ, וואס די דרגא איז פארבונדן מיט נאך טיפערע הבנות והשגות אין הכרת הבורא, ביז צו דעם ענין פון "התורה נקנית", וואס אויף דערויף דארף מען האבן מ"ח מעלות - זאגט מען אז "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו".

און ס׳איז פארשטאנדיק בפשטות אז אויך נאך דערויף איז אברהם אבינו געגאנגען העכער און העכער אין הכרת הבורא - אבער דאס זיינען אלץ דרגות אין תורה און קדושה גופא, און דא רעדט מען וועגן א דרגא אין "הכיר את בוראו" אויף וועלכע מ׳קען זאגן אז דאס איז בשלימות, וואס אין דערויף זיינען דא צוויי אופנים: "בן ארבעים שנה", און "בן מ"ח שנה", וואס דאס זיינען צוויי אופנים אין שלימות הכרת הבורא.

וואס עד כאן איז דער מאמר המוסגר.

יא. בנוגע לענינינו:

לויט אלע דריי גירסאות ווען איז "הכיר אברהם את בוראו", קומט אויס אז לאחרי שהכיר אברהם את בוראו האט נאך נח געלעבט כמה שנים,

ווארום אפילו לויט דער גירסא אז "בן מ"ח שנה הכיר אברהם את בוראו", איז וויבאלד אז אברהם איז געוועזן בן נ"ח שנה בשמת נח (כנ"ל ס"ו), קומט אויס אז נאך דערויף וואס "הכיר אברהם את בוראו" זיינען נאך געוועזן עשר שנים אין וועלכע נח איז געוועזן בדורו של אברהם (זייענדיק אין דער דרגא פון "הכיר את בוראו"),

וואס עשר שנים איז דאך א גאנצע תקופה, ווי ס׳איז פאר-שטאנדיק דערפון וואס די משנה אין אבות רעכנט אויס די שינויים וואס קומען צו בכל עשר שנים,

און ווי ס׳איז אויך פארשטאנדיק דערפון וואס דער קביעות זמן פון הולדת בנים איז עשר שנים, ווי מ׳געפינט אויך ביי אברהם אבינו אז קומענדיק אין א"י האט זיך אנגעהויבן א נייער חשבון וכו׳[42].

- איז -

---

42) יבמות סד, א. וראה לקו"ש ח"ב ע׳ 593 ובהע׳ 13 שם.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

איז וויבאלד אז נח איז געווען בדורו של אברהם א משך פון עשר שנים (נאך דערויף וואס אברהם איז צוגעקומען צו דער דרגא פון "הכיר את בוראו") - איז ווי קען מען זאגן אז ווען נח וואלט געווען בדורו של אברהם, איז "אינו נחשב לכלום"?!

יב. נוסף לזה - איז דא נאך א דיוק:

דער סדר פוןביידע פירושים אין זהר איז - אז פריער קומט דער פירוש פון היפך השבח, אז "בדרין אחרנין אינו נחשב לכלום", און ערשט דערנאך קומט דער פירוש פון שבח, אז "ק"ו אילו הי' בדרא דכולהו צדיקים".

שטעלט ער זיך אויף דערויף אין די הערות[43] [בנוגע צו דעם וואס עס ווערט געבראכט אין זהר[44] די מחלוקת פון ר' יהודה מיט ר' יצחק, אז "ר' יהודה מהפך בזכות דנח, ור' יצחק בהיפך שמהפך בחובתו . . ר' יהודה הוא בחי' חסד, ור' יצחק הוא בחי' גבורה" - וואס "עד"ז הוא הפלוגתא בפי' בדורותיו האמור בנח, לעיל ד"ם ע"א בתוספתא, יש דורשין לגנאי מצד מדת הגבורה, ויש דורשין לשבח מצד מדת החסד"], און איז מבאר אז דער סדר וואס פריער קומט דער פירוש פון היפך השבח, מדת הגבורה, און דערנאך דער פירוש פון לשבח, מדה החסד, איז פארבונדן דערמיט וואס "מתחלה עלה במחשבה לברוא את העולם במדת הדין, ואח"כ שיתף מדת הרחמים", פריער מדת הדין, און ערשט דערנאך מדת הרחמים.

ויש להוסיף בזה - אז ס'איז דא א ספעציעלער קשר צווישן נח מיט דעם ענין פון בריאת העולם:

אויף נח'ן זאגט מען אז "ראה עולם חדש"[45], ד.ה. אז ס'איז כאילו ווי ס'איז געווען דער ענין פון ברה"ע פון-דאס-ניי.

און דערפאר איז בדוגמא ווי אין ברה"ע איז פריער געווען מדת הדין, און ערשט דערנאך איז "שיתף מדת הרחמים", איז עד"ז אויך בנוגע צו נח, אז פריער קומט דער פירוש פון היפך השבח, און ערשט דערנאך קומט דער פירוש פון שבח.

ווען מ'גיט אבער א קוק אין פרש"י, זעט מען אז רש"י[46] ברענגט אויך ביידע פירושים, אבער מיט א סדר הפוך: "יש מרבותינו דורשים אותו לשבח, כל שכן שאילו הי' בדור צדיקים הי' צדיק יותר, ויש שדורשים אותו לגנאי, לפי

- דורו -

----

43) לקוטי לוי"צ שם ע' ל ואילך. 44) שם סח, א. 45) ב"ר פ"ל, ח. ועוד. 46) ריש פרשתנו.

דורו הי' צדיק, ואילו הי' בדורו של אברהם לא הי' נחשב לכלום".

וואס אע"פ אז רש"י ברענגט אראפ בפירושו עה"ת אז "בתחלה עלה במחשבה לבראותו במדת הדין, וראה שאין העולם מתקיים, והקדים מדת רחמים ושתפה למדת הדין" - ברענגט ער אבער די צוויי פירושים וועגן נח (ניט אין דעם סדר פון ברה"ע, פריער מדת הדין און דערנאך מדת רחמים - פריער לגנאי און דערנאך לשבח, נאר) אין דעם סדר אז פריער קומט דער פירוש לשבח, און ערשט דערנאך קומט דער פירוש לגנאי.

דארף מען פארשטיין: פארוואס איז אין זהר דער סדר אז פריער קומט דער פירוש לגנאי, און ערשט דערנאך קומט דער פירוש לשבח, און אין פרש"י איז דער סדר אז פריער קומט דער פירוש לשבח, און ערשט דערנאך קומט דער פירוש לגנאי.

יג. עד"ז איז דא נאך א דיוק:

אין מדרש[47] ווערן אויך געבראכט די צוויי פירושים אין "בדורותיו", אבער דארטן רעדט זיך וועגן "דורותיו" לגבי "דורו של משה" און "דורו של שמואל" - ניט ווי אין זהר, וואס דארטן רעדט זיך וועגן "דרא דאברהם ודרא דמשה ודרא דדוד".

וואס בנוגע צו אברהם, משה און דוד, האט מען גערעדט אמאל בארוכה וועגן דעם חילוק צווישן זיי מיט נח'ן[48], אז אז זיי האבן געבעטן אויף בני דורם (אברהם האט געבעטן אויף אנשי סדום[49], משה רבינו האט געבעטן אויף אלע אידן[50], און דוד המלך האט אויך געבעטן אויף אלע אידן, ווי ער האט געזאגט[51] "תהי נא ידך בי", אבי מ'זאל ניט אנרירן אידן), משא"כ נח האט ניט געבעטן אויף בני דורו.

און בנוגע צו שמואל - געפינט מען דאך אויך אז ער האט געבעטן אויף אלע אידן, במבואר אין מפרשי הזהר[52], און אעפ"כ זעט מען אז אין זהר דערמאנט מען נאר "דרא דאברהם ודרא דמשה ודרא דדוד", און מ'דערמאנט ניט דרא דשמואל, און אין מדרש דערמאנט מען נאר "דורו של משה" און "דורו של שמואל" - דארף מען פארשטיין: וואס איז דער חילוק צווישן דעם זהר מיטן מדרש?

אויך דארף מען פארשטיין: ע"פ המבואר אין מדרש, איז

- לכאורה -

----

47) שם, ט. 48) ראה זח"א סז, ב ואילך. קו, א. רנד, ב. ח"ג יד, ב ואילך. וראה מכילתא עה"פ בא יב, א. 49) וירא יח, כג ואילך. 50) תשא לב, לב. 51) ש"ב כד, יז.
52) נצוצי זהר לזח"א ס, א.

לכאורה אויף דערויף ניט מתאים דער פירוש וואס ער איז מבאר אין דער הערה?

ועד"ז זיינען דא נאך כמה דיוקים שיש לבארם, ואין כאן המקום לבארם.

יד. ויה"ר אז אזוי ווי מ'שטייט אין מוצאי ש"פ נח, וואס דאס איז פארבונדן מיט "מי נח"[53], אויף וועלכע מ'זאגט "מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה"[54] – איז פון דעם לימוד וועגן די ענינים, זאל עס אראפקומען בפועל,

אז ניט נאר וועלן די "מים רבים" ניט קענען "לכבות את האהבה", נאר אדרבה, דורך די "מים רבים" וועט צוקומען דער "יתרון האור מן החושך" און "יתרון החכמה מן הסכלות"[55], כמבואר אין תורה אור[56].

ווי עס ווערט געברענגט אין חסידות[57] דער משל פון אמת המים וואס מ'איז איר סותם, אז דורך דער סתימה קומען ארויס די מים בתוקף גדול יותר לגבי ווי ס'איז געווען לפנ"ז.

ועד"ז איז אויך בא יעדער ענין של נסיון והעלם והסתר, אז אויף דערויף זאגט מען "כי מנסה ה' אלקיכם אתכם לדעת הישכם אוהבים את ה' אלקיכם"[58], ווי חסידות[59] טייטשט אפ אז "מנסה" איז מלשון הרמה, אז דורך דעם נסיון ווערט מען אויפ-געהויבן העכער ווי מ'איז געווען לפנ"ז.

און מ'זאל מערניט דארפן אנקומען צו קיינע נסיונות והעלמות והסתרים, נאר מ'וועט אויפגעהויבן ווערן בחסד וברחמים, ובטוב הנראה והנגלה, נאך זייענדיק אין זמן הגלות,

ביז צום אמת'ן אויפהויבן – אז מ'וועט ארויסגיין פון גלות, למטה מעשרה טפחים, ומלכתחילה אריבער,

און גיין לקבל פני משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

טו. דער ביאור אין פירוש רש"י:

פאר די פסוקים "וירא ה' כי רבה רעת האדם וגו' ויאמר

- ה' -

---

53) ישעי' נד, ט – הפטרת פרשתנו. 54) שה"ש ח, ז. וראה תו"א ריש פרשתנו. 55) קהלת ב, יג. 56) שם. וראה ד"ה מים רבים תשל"ח ס"ד. וש"נ. 57) נסמן בספר הערכים-חב"ד כרך א ערך אהבת ה' – ההוספה שבה ע"י נה"ב ס"ג סק"ב. 58) ראה יג, ד. 59) סה"מ תר"פ ע' קיב ואילך. ועוד.